**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/16/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אומזיסטע קאר סיט אונטערזוכונגען דורכאויס קינדער פאסאנזשירן זיכערהייט וואך

***אומזיסטע קאר סיט צופאסונגען צוגעשטעלט ביי לאקאציעס איבערן סטעיט***

***קאר סיט אונטערזוכונגען מאכן זיכער אז עס שטייט גוט און איז גוט אינסטאלירט***

***אומזיסטע צופאסונגען צוגעשטעלט מיט אן אפוינטמענט א גאנץ יאר***

גאווערנער קעטי האקול און די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע (Governor's Traffic Safety Committee, GTSC) האבן היינט אנאנסירט אז אומזיסטע קינדער קאר סיט (זיץ) אונטערזוכונגען דורך סערטיפייד קינדער פאסאנזשירן זיכערהייט טעכניקער וועלן זיין צו באקומען איבערן סטעיט דורכאויס קינדער פאסאנזשירן זיכערהייט וואך וועלכע הויבט זיך היינט אן און ענדיגט זיך מיט די נאציאנאלע סיט אונטערזוכונג אום שבת, סעפטעמבער 24, 2022. די געשעענישן זענען טייל פון די גאנץ-יאריגע זיכערהייט אונטערנעמונג דורך וועלכע סטעיט און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן, צוזאמען מיט פארשידענע קאמיוניטי זיכערהייט ארגאניזאציעס, שטעלן צו אומזיסטע צופאסונגען.

"האלטן קינדער זיכער אויף די ראוד הויבט זיך אן מיטן זיכער מאכן אז זיי האבן די פאסיגע בוסטער אדער קאר סיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק האט אייביג און וועט אייביג לייגן די זיכערהייט פון אונזערע קינדער אלץ די העכסטע פריאריטעט, און איך מוטיג עלטערן און מענטשן וואס גיבן זיך אפ מיט קינדער צו אויסנוצן די אומזיסטע געלעגנהייט צו זיכער מאכן אז זייערע קינדער זענען באשיצט ווי עס דארף צו זיין אויף אונזערע גאסן."

לויט די נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע (National Highway Traffic Safety Administration, NHTSA) זענען אין די יאר 2020 געהרג'ט געווארן 755 קינדער אין טראפיק עקסידענטס, און 42 פראצענט פון די קינדער זענען נישט געווען פארזיכערט אויף די קאר זיץ. דעם זעלבן יאר זענען א געשאצטע 380 פארוואונדעט געווארן יעדן טאג אין טראפיק עקסידענטס בשעת'ן פארן אין קארס, SUV's, פיקאָפּ טראקס און וואנס.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס קאמישאנער און GTSC פארזיצער מארק דזש. פ. שרעדער האט געזאגט,** "קאר עקסידענטן זענען א הויפט אורזאך פון טויט ביי קינדער, אבער נוצן ריכטיגערהייט א קאר סיט, בוסטער סיט אדער סיט בעלט איז די מערסט ווירקזאמע וועג זיי צו האלטן זיכער בשעת'ן זיין אויפן ראוד. גיבן פאר עלטערן און פאר מענטשן וואס נעמען קעיר פון קינדער די זיכערהייט אינפארמאציע און טרענירונג וויאזוי ריכטיגערהייט צו אינסטאלירן און נוצן א קינדער זיכערהייט סיט איז קריטיש צו באשיצן יונגע לעבנס אויף אונזערע גאסער."

לויט די NHTSA רעדוצירן קאר סיטס – ווען זיי ווערן גענוצט ריכטיגערהייט – די אויסזיכטן פון פאטאל פארוואונדעט ווערן מיט 71 פראצענט פאר בעיביס (אונטער איין יאר אלט) און מיט 54 פראצענט פאר קליינע קינדער (איין ביז פיר יאר אלט) אין פאסאזשיר קארן. כאטש רוב עלטערן גלויבן אז זיי האבן ריכטיג אינסטאלירט זייער קינד'ס קאר סיט, דאס זעהען מיר די זיצן זענען אינסטאלירט נישט ריכטיג אין 46 פראצענט פון פעלער.

טרעינירטע טעכניקער וועלן נוצן דעם מאדעל פון "לערן, פראקטיצירט און ערקלערט" צו ערקלערן פאר מענטשן וואס נעמען קעיר פון קינדער וויאזוי צו אויסוועלן די ריכטיגע מיטל וואס וועט זיין פאסיג פאר זייער קינד און פאר זייער קאר און וויאזוי עס צו נוצן ריכטיגערהייט יעדע מאל.

עלטערן און מענטשן וועלכע גיבן זיך אפ מיט קינדער קענען טרעפן אומזיסטע קינדער פאסאנזשירן זיכערהייט וואך קאר סיט אונטערזוכונג געשעענישן אין זייער ראיאן אדער מאכן אן אפוינטמענט ביי א גאנץ-יאריגע ראיאנישע קאר סיט צופאסונג פלאץ.

אין צוגאב צו קאר סיט צופאסונגען, קענען עלטערן און מענטשן וועלכע גיבן זיך אפ מיט קינדער זעהן א סעריע פון ווידעאוס פראדוצירט דורך די NHTSA איבער וויאזוי צו אינסטאלירן ריכטיגערהייט קאר סיטס און בוסטער סיטס, מיט די פנים צום פארנט אדער צו הונטן. די NHTSA שטעלט אויך צו אינפארמאציע איבער וויאזוי צו רעגיסטרירן א קאר סיט, וויאזוי צו טרעפן די ריכטיגע קאר סיט לויט א קינד'ס עלטער און גרויסקייט און זעהן רעיטינג ציפערן אויף אלע קאר סיטס.

פאר מער אינפארמאציע איבער די GTSC, באזוכט trafficsafety.ny.gov אדער פאַלאָוט די GTSC אויף Facebook און Twitter.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418